STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06700

DI GRINE BRIK

Moshe Gurin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה גורין

★

די גרינע בריק

דעם ראש עירית חולון מר פנחס אילון
פאַר זיין באַציונג און אינטערעס, וואָס ער
האָט אַרויסגעוויזן ביים אַרויסגעבן דאָס בוך — מיין דאַנק.

מ. ג.

משה גורין

די גרינע בריק

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל
1966

MOSHE GURIN (GOVRIN)
DI GRINE BRIK

I. L. PERETZ PUBLISHING HOUSE
31, Allenby St., Tel-Aviv

משה גורין / די גרינע בריק
הילע געצייכנט דורך קופּל גורבין

פֿאַרלאַג י.ל. פּרץ, תל־אביב, אלנבי 31

©

נדפס בישראל תשכ״ז
Printed in Israel 1966

דפוס לינו־טור, רח׳ יסוד־המעלה 39, תל־אביב

פלעקן

תפילה

גאָט פון די חורבות און געטאָס,
גאָט פון די פאַרלאָשענע שטערן,
פון אויגן, וואָס וויאַנען ווי בלעטער,
פין שטיינער, וואָס וויינען מיט טרערן.

פון שלעסער, וואָס הענגען פאַרראָסטע,
פון שטעגן פאַרשטומטע אין שטיגן,
גאָט פין די ווערטער די פראָסטע,
גאָט פין די ליידיקע וויגן.

דערפריי מיך אין שעה פון נסיון,
טרייסט מיך אין ספק פון פרעגן,
באַראָז מיינע שייד־וועגן שעה׳ן,
פאַרזיי דיינע שטערן אויף וועגן.

שטיל־לעבן אין קאַצעט

הענגט אויף אַ שטריק אַ העמד אַ צעפליקטע אויף צווייען
באַשיט עם דער הימל מיט ווייכינקע, פוכענע שנייען.

הענגט עס אַ טאָג, אַ וואָך און נאָך מערער
דער שניי מאַכט עס ווייַסער, דער פראָסט מאַכט עס קלערער.

עס פרעגט אָבער קיינער, ווער האָט עס צעהאָנגען.
געווען דאָ אַ מענטש, געוועז און פאַרגאַנגען —

הוידעט דער ווינט עס, דער שניי פאַרלאַטעט די ריסן;
קען מען ניט געבן אָט יענעם צו וויסן?...

די רויטע עפּל

ס׳האָבן שטראַלן געלעקט די עפּל פון סאָד,
די גרינע, קוים צײַטיקע עפּל.
ס׳האָבן ווינטן געבראַכט פאַר די בוימער אַ סוד,
אַ שטעכיקן סוד אײַנגעהילט אין אַ נעפּל.

האָט עפּל צו עפּל געגנענט, זיך געשטערקט,
און די זאַפט האָט אין עפּל געזויערט.
בלאָט האָט געציטערט און צווײַג האָט געפרעגט
דעם שטאָם, די ערד פאַרוואָס טרויערט?

נאָר וואָס האָט דער אַלטער, שאָרסטיקער שטאָם
געקענט זײַנע צווײַגן דערציילן?
— די ערד, מײַנע קינדער, איז בלוט און איז פלאָם,
און איז ווונד, וואָס מען קען ניט פאַרהיילן.

ווען ס׳האָבן עפּל פאַרנומען דעם סוד
דעם תהומיקן, שנײַדיקן ציטער פון נעפּל
האָט זון־פאַרגאַנג זיך צעבליט אינעם סאָד
און פאַרויטלט פאַר חרפּה האָבן זיך עפּל.

רעשע

אַלץ די זעלבע זילבן:
רעשע, רשע, רעש.
אָפּגעסממטע ווינטן
הוליען אויפן גאַס.

ווערטער יאָגן ווערטער,
רעשע, ערשטער רים —
כ׳וואָלט דיין גאָרגל בייסן
מיט פאַרסמטן בים.

אַלע וועגן פֿירן
אַלע שטעגן קלינגען,
פּראָסטיקע באַרירן
זינגען, זינגען, זינגען.

וועלדער בלאָע — ווייסע
אָטעמען פאַרפראָרן.
שפּורן אין די שנייען
אָקערשט נאָר געבאָרן.

שנעלצוג שלינגט די ווייטן
כ׳צווינג אים איינצוהאַלטן,
אין מיין מוח רייטן
שנייִדיקע געשטאַלטן.

דורכגעזיפּטע ווייַסקייַט,
אויסגעמאָלטע שנייען.
רעשע, ס׳וועט דיין ווייַסקייַט
קיינעם ניט דערפרייען.

ברענג מיר, ווינט

ברענג מיר, ווינט, אַ הייפּעלע אַש
און שיט עס אַריין אין מיין עסן.
איך זאָל ניט קיינמאָל, חלילה וחס,
אין זאַטקייט די טויטע פאַרגעסן.

ברענג מיר, נאַכט, אַ שטעכיקן טרוים,
איך זאָל ניט פאַרגעסן די ווונדן.
און זאָל מיך באַדעקן אין ווייטיק אַ שוים
פון צייטן וואָס אָקערשט פאַרשוווּנדן.

אין דונדאַגן* צײַטיקט דער קאָרן

אין דונדאַגן צײַטיקט דער קאָרן,
בלוטיקע הענגען די עפּל.
דורך טויאיקע ווײַסע קאַיאָרן
קומט די דערמאָנונג — אַ נעפּל.

עס מישן צונויף זיך די צײַטן
אין אומקלאָרע ווײַלעס, זיגזאַגיק,
און חתונות נעמען זיך בײַטן
מיט טרויער, די צײַט איז דער מאַגיק.

אין דונדאַגער בלויע בײַנאַכטן
וויגט זיך אַ שטעכיקע שיינקייט.
ווי גוט איז דעם, וואָס קען טראַכטן
ווען שטייניק עס דריקט די אַליינקײַט.

די צײַט איז אַ מאַגיק, אָ וווּנדער!
זי ברענגט די געשטאַלטן אומצייליק.
און אין יעדער דערמאָנונג באַזונדער
פאַרשפּונען עס ליגט דאָרט דײַן חלק...

---

* דונדאַגן — אַ דײַטשער אַרבעטס־לאַגער אין לעטלאַנד.

אַלע טירן אָפן

אַלע טירן אָפן,
אַלע שטיבער גאַנץ,
כ׳ווייס, ס׳איז פּוסט מײַן האָפן,
ס׳איז נאָר שאָטן־טאַנץ.

וואָס זאָל איך די שוועלן
אַריבעגיין, אַריין?
— ס׳וועט סײַווי דאָך פֿאַרפֿעלן

פֿון אויג, ס׳צעשטראַל, ס׳צעשיין.
ס׳וועט קיינער מיר אַנטקעגן
ניט אויסשטרעקן קײַן האַנט,
און איך ווי פֿריער־רעגן
פֿאַרזינקען וועל אין וואַנט.

יונגוואַלד

אָפּגעמעקט מײַן יונגוואַלד און פֿאַרשרפֿהט,
געבליבן זײַנען נאָר די היגלען פּוסט.
וואָלט כאָטש דאָס פֿײַער ברענען, ברענען
ווי אויף יענעם וווּנדערלעכן קוסט.

געבליבן זענען נאָדלען, גאָלדענע ווי סטרונעס,
אַ סימן, אַז ס'האָט געזונגען ווען דער וואַלד.
איך האָב געזען אַ האַק דורך נאַכטיקע שפּאָרונעס
געבליבן זײַנען נאָדלען, גאָלדענע ווי סטרונעס.

צו גאַסט

ווו ביסטו בלוי־אויגיקע לאַנדשאַפט
מיט גרינלעכע מאַנטלען באַדעקט?
די שטעגן פון אַלטער באַקאַנטשאַפט
האָט איצטער דער פרילינג צעוועקט.

דער פרילינג צעבליט מײַן זכרון,
די שטראָמען באַפרייען דאָס אײַז,
איך לאָז מיך אין וועג, צווישן קאָרן
און שטעכיקע דערנער — איך שפּרײַז.

איך גיי אין די שפּורן פון שטערן,
איך גיי נאָך דעם טומל פון שטאָט,
דאָס זאַלץ פון פאַרטריקנטע טרערן
סקריפּעט אונטער מײַן טראָט.

כ׳טו אוים די שיך — וויל ניט טרעטן
און בלײַב צוגענאָגלט צום אָרט,
אויף סטרונעס פון שטומע געבעטן
פּלאַצט ווי גלאָז ס׳ערשטע וואָרט.

אַמאָל אין מאַי

צען טעג און צען נעכט ווי די שיף איז פאַרכישופֿט
דערקומט ניט, דערפֿאָרט ניט צום ברעג, צו קיין ישוב.

ווער פֿאָרט אויף דער שיף? וואָס וויל זי געפֿינען?
די פֿאָרער? — די פֿאָרער... סקעלעטן, רואינען.

און איך אויבן אָן מיט מיין טיפֿוס דעם געלן,
פֿיל ווי ס׳אַנטלויפֿן די טירן, די שוועלן.

פֿלאַמיקער טיפֿוס אין אַ וועלט אַ פֿאַרסדומטער,
לעש איך מיין ברענונג מיט קוואַלן פֿאַרטרוימקייט.

שרויף איך אַ כוואַליע אָפּ, שלינג איר אַרונטער.
ווער איך, דאַכט זיך, געהויבענער, זאַפֿטיקער, מונטער...

אָבער נאָר אויף אַ ווייַלע, ס׳איז חלום, ס׳איז ליגן,
אַ ים, און קען קיין דורשט ניט שטילן, פֿאַרוויגן.

איז אויב כ׳וועל דערפֿאָרן צום ברעג פֿון די שטראַלן,
געפֿינט איר מיך שכור ביים בליאַסק פֿון די קוואַלן.

יענע טעג

שוין זײַנען יענע טעג ווי בלעטער אָפּגעפֿאַלן,
ווי רויכן נאַקעטע, אַנטלאָפֿענע פֿון פֿראָסט.
שוין זײַנען יענע טעג אַריבער אַלע שוועלן,
פֿאַראַנקערט ווו אין האַרצן, ווי שאַרפֿע שטיקלעך גלאָז.

דערמאָן איך אָט די צײַט, ווערן מײַנע אויגן טויאיק
און ניט פֿאַרשטענדלעך ווער איך, ווי אַ היעראָגליף,
די ליפּן לאָדן אָפּ נאָר ווערטער ווייאיק, אויאיק,
כ׳ווער אַ זינקענדיקע שיף.

מיין שטאָט

צײַט צו פֿאַרגעסן די ווײַלעם
ווען דו ביסט געוועזן אַ קינד,
צײַט צו פֿאַרלאָזן די מעלות
פֿון ערשטן בלאָ־שוואַלביקן ווינט.

עס זענען ניטאָ מער די צײַטן
ווען ס׳האָט מאַמע געזאָרגט אַז דײַן טראָט
זאָל באַטרעטן די באַרגיקע ווײַטן
אַנטקעגן אַ זוניקער שטאָט.

נאָר זי האָט דיך פֿאַרדראָסיק פֿאַראַטן,
דײַן שטאָט, דיין לייבלעכע שטאָט,
איך זע זי דורך שמאָלינקע קראַטן
פֿאַרברענט און פֿאַררויכט און פֿאַרשפּאָט.

די שטאָט איז פֿאַרברענט און ניטאָ מער,
זי איז געבליבן אַ וווּנד אין די טעג,
זי וועקט מיך מיט נאַכטיקן יאָמער
ווען כ׳שפּרײַז צו איר תּהומיקן ברעג.

שוועסטער מיינע

חוהלען

א

איך שווײַג ווי דער היגל
ווי דאָס ברויט וואָס איך עס.
מלאך פון מײַן נעכטן,
מידבר פון מײַן הײַנט,
אָפּקלאַנג פון מײַן מאָרגן.

אין די אָפּגעדרוקטע טעג
פון אַלע קאַלענדאַרן
רעדסטו אַרוים צו מיר
מיט היגלען שווערן טרויער,
מיט דײַן איינציק לעבן-געבליבענעם וואָרט
— יזכור.

ב

זי טראָגט ווי אַ שירעם איר הימל,
איר גרויען, צעריסענעם הימל,
די אויגן זוכן אַ טרייסט
— און זי פאַלט.

זי טראָגט ווי אַ פאַרטוך די לאַנקעס,
ווי אַ זומער-קלייד אירע לאַנקעס,
האַפּט אין דער גרויקײַט צו גרינען
— און זי פאַלט.

אין געוועב פון מעסערס און שטראַלן
וויים זי, אַז מען טאָר איצט ניט פאַלן
— און זי פאַלט.

ג

כ׳האָב אויסגעבעט פֿאַר דיר אַן אָרט
אין מזרח פֿון מײַן האַרץ,
און וועגן אויסגעפּלאַסטערט פֿאַר דײַן קומען,
די ווילדע צווײַגן האָב איך אויסגעהאַקט,
די שטיינער האָב איך אויסגעקלעפּט מיט בלומען.

אויפֿן קרייצוועג פֿון געדאַנק —
בײַ דײַנע טריט איך פֿאַל.
אין דײַנע שטויבן כ׳וואַלגער מיך מעת-לעתן
נאָר דאַן ווען ס׳וועט זיך אויסלעשן דאָס ליכט
וועל איך פֿון דיר פֿאַרגעסן.

אַ בלויע טויב

פון יענעם בוידעמל, פון וואַנען ס׳האָט אַ בלויע טויב
געמאָסטן וואָלקנס מיט איר צאַרטן וואָרקע —
פאַרבליבן איז אַפילו ניט קיין שטויב,
צעפלויגן אַלץ, ווי ריח פון מאַכאָרקע.
וואָלט כאָטש געקומען דאָרט אַ רילקע אָדער לאָרקע
און פרעגן: וואָס געשען איז מיט דער וואָרקענדיקער טויב?

פון יענע טרעפּ וועלן שוין קינדער ניט אַרונטער
מיט לאַלקעס אין די הענט, אָן ציל, אָן מיין.
זיי קלעטערן אין העלסטן, רויטסטן צונטער
און שרפים זײַנען זיי מקבל־פּנים מיט געוויין.

סעלעקציע

א

גאָט ליבער, נעם און צעברעך זײַנע פינגער,
טו אָן אויף זײַן אויג אַ נאַכטיקן פאַנצער,
זײַ נאָר דו אַליין דער נעמער און דער ברענגער,
דײַן עדה מאַך פולער, רונדיקער, גאַנצער.
גאָט ליבער, נעם און צעברעך זײַנע פינגער.

מיר שטייען פאַר אים כולו חייב. מיר װעלן
פאַרשלינגען אין זיך דעם קרעכץ פון די ביינער,
מיר זײַנען פאַר אים — אײַנגעבױגענע שװעלן,
ער רײַסט אונדז אַרױס װי טאָפּעלע ציינער.
גאָט ליבער, נעם און צעברעך זײַנע פינגער.

מיר װײסן װוּ ס׳פירן די װעגן. ס׳קען נאָר קיינער
באַגרײַפן דעם צער פון אָװעקגיין. די חושים צעמישטע.
פאַרװאַנדל די הערצער אין שטיינער, אין שטיינער,
צעפּאַלמעס זײַן טומאה װי דוד דעם פלישתי.
גאָט ליבער, נעם אין צעברעך זײַנע פינגער.

ב

זאָגט ער רעכטס, דאַן לינקס זאָלן מיר שפּאַנען,
זאָגט ער לינקס — פאַרלייקן זײַן געבאָט!
כ׳פאַרשטיי ביז הײַנט ניט, ווי אַזוי, פון וואַנען
ווײס איך ווי צו קערעווען מײַן טראָט.

אַ פאַרווירבלטער אין זיך, כ׳לערן אַלץ נאָך יענע לעקציע —
רעכטס און לינקס, די ווערטער פאַלן ווי שטומע פלעדערמײַז.
כ׳פיל דעם עקבערדיקן ספק פון סעלעקציע,
איך בין דאָס פעלן
אין גאַנצקייט פונעם קרײַז.

ניטאָ קיין טרייסט

זאָל איך מיר טרייסטן מיט נאַרישע רייד,
אַז פון אײַער געביין שפּראָצן צווײַגן און בלומען?
אַז אַ וואָסער קינד, רײַסט אַרונטער מיט פרייד
אָט די בלומיקע קרוינען. בעסער שוין שטומען.

פאַרהילט און פאַרנעפּלט, עס ציטערט די לופט,
באַרינגלט פון בלאָטעס און שטעג ניט באַטראָטן,
דערשפּיזט זיך דײַן קול, מאַמע, כ׳הער ווי דו רופסט:
— ביזן לעצטן דור, היט אָפּ אונדזער אָטעם!

מיר זײַנען דער גרויל, אויסגעוואַקסענער צער,
די אָפענע ווונד, ניט פאַרהיילט, ניט פאַרצויגן,
מיר זײַנען — פאַרטריקנטער קוואַל פון אַ טרער
וואָס איז עלנט געבליבן, אָן אויגן, אָן אויגן.

עכאָס פון דזשונגל

א

בלעטער פֿאַרגעלטע — שמות פון זכרון,
מיר זײַנען ביידע אַרײַנגעוואַקסן אין דער צייט
ווי קרומע וואָרצלען, ווי נאָגל און ווי דאָרן
און מידע הענגען נאָך די הימלען בײַ מײַן זייט.

וואָס ווײַטער עס רוקן זיך אַוועק די בילדער
אַלץ שאַרפער זייער אויסזען, זייער מיין.
איך ווער פאַרוואַקסן אינעם ווײי, באַזילבערט,
און קום פאַראיובט ביז צו סאַמע זיך אַליין.

איך האָב געזען די וועלט מיטן קאָפּ אַרונטער,
מיט אָזיערעס פון אויבן, מיט וואָרצלען אינעם ווינט.
עס האָט אַ טיגער מיר געלעקט מײַן האַרץ. צעבלומטע
פנימער האָבן זיך אָנגעפילט מיט טינט.

ב

כ׳האָב געגעסן האָלץ, געקרויכערט בלעטער
אויסגעוואַקסענע אין טיפּוסדיקע טעג.
מײַן ברויט, האָט ווער געמאָסטן אויפֿן מילימעטער
און אויפֿגעשיינט האָט עס ווי אַ פּאַרמעג.

געקראָכן זײַנען מײַנע מידע שעה׳ן,
אין די קעלערן פֿון צווייפֿל האָט אַ שפּין געוועבט
אַ בריק אַדורכצוגיין. איבער די מעסערדיקע דנאָען
האָב איך אויסגעווײנט אַ מאָרגן,
געטריקנט מײַנע טרערן און געלעבט.

כ׳בין געוואָרן מוטנע ווי כ׳וואָלט אַ זומפּ אַראָפּגעשלונגען
און פֿאַרשלאָסן, ווי דאָס האָלץ פֿון ראָד — מיט פֿרענט.
ווײַטע טריט, נאָך הײַנט צי מיר דערקלינגען,
נאָנטע פֿינגער צעגליען ווידער
וואָס ס׳האָט אָפּגעברענט.

ג

פּלאָנטער, פּלאָנטער, פּלאָנטער,
אויסגעלאָשן איז דאָס ליכט.
כ׳באַצווינג דיך. אַ דערמאָנטער
טויכסטו אויף מיט קינישן געזיכט.

בלוט אויף דײַנע ציינער,
דײַן האַרץ פון דינאַמיט,
שוועבל אין די ביינער
צינדן דײַנע טריט.

ווער וואַקסט אַרײַן אין ווענען,
דו אין קינ׳ס פעל?
צי אפשר גאָר איז קין
ביי דיר נאָר אַ געזעל?

ד

זומערדיק דער אָוונט,
אויסגעהעפּט דאָס פעלד,
כ׳בין נאָך אַלץ פאַרדאַרנט
מיט מײַן וועלט.

ווינטערדיקער הימל,
מיט שטערן אויסגראַווירט.
ס׳איז פאַר מיר ווי שימל
איצט דײַן פלירט.

מײַנע בלויע ליפּן
האָט געלעקט דער פראָסט.
כ׳טראָג אויף מײַנע ליפּן
איובס לעצטע פּאָסט.

ה

גריקענע פעלדער. מען טאָר ניט אָנרירן די גריקע,
גראָזן בויגן זיך, אַרומגעכאַפּט פון ווינט.
טאָרסט ניט אָנטאַפּן די גרינע פרייד. בשתיקה
גיט מײַן האַרץ זיך אַ צעבריקע
און איך זע ווי גרינקײַט גיסט זיך, רינט.

אַ וואַלד, באַאײנפלוסט פון דער נאַכט. געהיימע
טריט, עס שטאַרצט אַרויס פון יעדן בוים אַ שווערד.
„לערן זיך, מײַן קינד, צו גיין אין שפּאַן ווי אַ בהמה"
כ'רוף צו הילף די חכמה פון דעם מלך שלמה
און בלײַב געדאַנקענלאָז און נאַקעט ווי אַ פערד.

ו

פון אַלע פּוסטע וועגן
וויינען זיי אַרוים,
כ׳טו מיך אָן אַ ניגון
וואָס ברענט און בראָט און ברויזט.

פון אַלע ווײַסלעס, וויליעס
דערטראָגט זיך זייער שוווּם,
אַ טרוימיקע אידיליע
צעוואַקסט זיך ווי אַ בלום.

נאָר שטרעק איך אוים די פינגער,
צעפאַלט זיך עס אין אַש,
בלייַב איך דער באַזינגער
פון מיַין טויטער גאַס.

אונטער

צו די שיפן

פון אַלע באַרגשפּיצן און טאָלן
הילכט אַ קול, דערפֿאַר!
מיר װעלן אײַך מיט פֿרייד באַצאָלן,
מיט שטראַלן פֿון קאַיאַר.

דער כרמל װי דער בױג פֿון קעמל
קראַצט אין לופֿט זײַן קאַרק...
די לופֿט װי פֿרישע זעמל
מאַכן װעט אײַך שטאַרק.

פֿאַראַנקער ניט די שיף אין מיטן
פֿון אַ דמיון־װעלט,
די פֿרעמדקײַט האָט געננוג פֿאַרשניטן,
ישראל, דײַן געצעלט.

שאָטן־באַשאַף

דעם לעצטן נאָגל אין וואַנט אַרײַנגעקלאַפּט
מײַן לעצטן נאָגל.
דעם ערשטן גליענדיקן אָטעם אײַנגעזאַפּט
נאָך לאַנגן וואָגל.

אָט איז מײַן נײַ־געצעלט, מיט פֿענצטער אויפֿגעפּראַלט,
זון פֿון אַלע זײַטן.
קײַן שאָטן גאָר ניטאָ. יום־טובֿדיק צעשטראַלט
די הימלען רײַטן.

לייג איך האַמער אָפּ. ניט ווייט דער ים,
אַ לאָקיקער, צעקודלט.
ס׳איז ליכטיקער ווי טאָג. די זון איז פֿלאַם.
אַ ווײַסקײַט שפּרודלט.

הויב איך רידל אויף. זון אין יעדער שויב.
ס׳מוז דאָ שאָטענען און גרינען,
אויף נע־ונדיקן צעגליטן שטויב
וועסטו מיך שוין ניט געפֿינען.

מיין גאַס

ווי צווייהונדערט צעקנייטשטע באַנקנאָטן
די צווייהונדערט הײַזער
פון מײַן גאַס. מײַן פשוטע גאַס
אָן גלאַנץ, אָן רויש. ניט אַלט, ניט מאָדערן.

דרײַ־מטה אײַנוווינער אַלע, אַלע.
איבער זיי וווינען נאָר פייגל
און איבער די פייגל געשאַלטיקט דער וואָלקן —
ספק מענטש, ספק חיה.

אינדערפרי שיקט די זון אַרוים אירע שקצים —
בײַטשן די אָפּגעברענטע נאַקנס.
דרײַ־מטה איינוווינער אַלע, אַלע.
יעדע נאַכט הייבן זיך אויף
אויגן צום הימל
און ציילן די מטבעות.

ס׳דערנענטערט זיך מיין שיף

שטיל איַין דעם רויש פון ים,
לעש אוים די גלוסט פון כוואַליעס!
כ׳זאָל זען דעם בלויען אויבערפלאַך
ווי בלויען שפיגל אין קאַיאָר.
ס׳דערנענטערט זיך מיַין שיף
פון וויַיטע פאַרטשאַדעטע קאַנטן.
אַ הינטער איר:
טראַקטן אָפגעשאָטענע מיט זכרונות,
וועגן — בלעטער פון ראָמאַנען ניט פאַרשריבענע,
שטעט און שטעטלעך — מגפות,
דערגאַנצונגען צום פאַרזיגלטן תנ״ך.
ס׳דערנענטערט זיך מיַין שיף.

שנײַ אין מיטן זומער

נאַכט. מיט אַסטרעס בליט דער גאַנעק.
די לופט — ווי אויסגעלאָפּענע פון זידנדיקע קעסלען.
מיר דוכט, איך בין בײַ זיך, און דאָך — — איך בין פּאַראַניק
אויף די אַמאָליקע פאַרהילטע, שמאָלסטע געסלעך.

עס שמעקט מיט שנײַ, מיט זאַווערוכע, טראָט איז פּראָסטיק,
ווי אַלטע פאַרפראָרענע ליַיט שטייען די לאַמטערן.
איך הער אַ קללה יאָגט מיך נאָך, ווי האַסטיק!
„דאָ פּאַלעסטיני, זשידזיע!" — שרייט מען הויך, כ'זאָל הערן.

כ'זאָל פאַרשטיין די רייד זײַנע די קלוגע בעסער,
צינדט ער זײַנע אויגן בײַם שײַן פון הייסן מעסער.

ס'וואַקסט אויס לעם אים זײַן חבר, אַ רצחן און אַ כעסן,
ניט אַנדערש, ער מוז מײַן בלוט מיט שנײַ פאַרווײַסן.
צײַן געקריץ... די אַסטרעס בליען רואיק,
אַ מערבֿ־ווינט פון ים קילט אָפּ דערמאָנונג.
די שטערן גאַפן און דער הימל אָנגעשפּאַנט און דוהיק,
כ'הער ווי ס'פליסט פון מײַנע בערג אי מילך, אי האָניק.

נאַכט. מיט אַסטרעס בליט מײַן זומערדיקער גאַנעק, —
ווי גוט, וואָס דו מײַן לאַנד, ביסט וואָר,
וואָס ביסט פּאַראַניק.

אין סימן פון רעגן

א

נאַכטיקע געדיכטקייט, שווערער ברויז פון ים,
און ווינט מיט פליגלען פון מלאכי חבלה.
וואַסערבערג רייסן זיך דעם שוים פון קאָפּ,
די שיף צעשניידט דעם טיפן עלנט.
איר געבעט דערהאָרכן נאָר די,
וועמעס מיילער זענען ניט פאַרקרימט געוואָרן פונעם דונער,
וועמעס אויגן האָט ניט אויסגעטריקנט דער ווינט.

ס׳רעגנט מיט מצבות, מיט אותיות אויסגעקריצטע
אויפן נאַכטיק ימיקן בית-עולם.
פייערבליצן וועקן אויף דעם צאַנקעדיקן אָטעם,
ס׳צינדן זיך תהומען, באַלייכטן קרישטאָלענע טרעפּ
אַראָפּ, אַראָפּ, אַראָפּ,
וווּ טינטפיש פאַרמעקן ס׳געדעכעניש פון וועלט-געשיכטע,
וווּ דער באַשעפער אַליין
קען זיך ניט דערמאָנען וווּ ס׳איז געווען בראשית
פון ערשטער ליכטיקער טרער.

קליין איז דער מענטש אַנטקעגן ים,
ווי דראָבנע מיניאַטוריק אין פאַרגלייך
צום נאַסן ריז אין נאַכטיקער געדיכטקייט!

ב

כ׳וויל לייענען פון נידעריקן הימל
די שריפט פון תוהו.
די צעצויגענע פּיאַלעטע שריפט —
די נאַסע אותיות.
זיי ציטערן אין ווינט,
זיי פינקלען ווי פרײדיקע אויגן.

ס׳איז מיר דערעסן געוואָרן דער גלאַנץ פון אַטלאַסענע הימלען,
פון בלויער טיפער ווײַטקײַט,
די ווייסע שטערן, די אָפּגעשפּיגלטע אין ים,
זאָגן גאָרניט אָן, זאָגן גאָרניט צו,
רויבן נאָר אַוועק מײַן רו.

עס קומט די צײַט פון תחית הגראָזן.

דורך תימנישע אויגן

דער אויטאָבוס, דער ווירבלדיקער חלום, פליט.
אַ פויגל קען אים קוים דעריאָגן.
ווי שווער עס איז דעם בלעכענעם קאָשמאַר פאַרטראָגן,
ווען אַן אייזל בײַ די גראָזן קניט.

ווען דער אייזל בײַ די גראָזן קניט —
צעטאַנצן זיך די נעגל פון מײַנע שיך די קרומע.
יויאָ! ער רעוועט אוים אַ פּראַגעצייכן. איבער וועגן שטומע
האָבן גרינע וואָלקנס זיך צעבליט.

עס האָבן גרינע וואָלקנס זיך צעבליט.
ס׳באַגייען זעלבסטמאָרד שאָטנס אונטער רעדער.
דער קלוגער אייזל איז אַוועק שפּאַצירן אין די סעדער.
איך פאָר ניט מיט דעם בלעכענעם קאָשמאַר, אָ, גאָט, באַהיט...

ט ר י ק ע נ י ש

ת פ י ל ה צ ו ם ר ע ג ן

גאָט פון רעגן, פון בליץ און גערעטעניש,
זע די געהויקערטע פעלדער די שווייגיקע.
ס׳גייט אויף איבער זיי אַ שטום געוויין
געכפלט פון ערד אויף מענטש.

די קערנער ציטערן נאַקעטע אין ווינט —
דער רעגן האָט ניט באַדעקט זיי.
ניט צוגעקלעפּט האָט דער טוי
די גרונטן — מיילער צעעפנט פון אַקער.
אין זייערע פאַרשטייפטע טראָפּנס בלוט
ראַנגלען זיך היינט די קאָלירן פון מאָרגן.
האַר פון טוי און רעגן!
באַפריי די וואָלקנס,
באַגים מיט פרייד די קערנער —
די פריער באַשאַפענע איידער די מענטשן.

באַדויער־ליד

כ׳האָב נאַקעטן זאָמען צעשפּרייט איבער פעלד,
באַרוועסן, קליינטשיקן זאָמען.
געמיינט: ס׳וועלן בלעטער און בלומען
אַ שפּרינג טאָן אין זוניקע שטראָמען.

דערווייל ניט קיין זכר. אַ געלקייט באַשלאָגט
דעם טרוקענעם זאָמען.
אַ פרישער געלייטערטער הימל,
אין וואָלקנס — פאַרצוקטע אין תהומען.

פייגל דערציילן

פון הינטער דעם פעלדזיקן לייטער,
פון הינטער די קוסטעם די דאַרע —
אין שטראָם פון חמסיניקע ווינטן
פליט־דורך אַ פויגלשע כמאַרע.

ס׳נידערן פייגל, זיי פרווון
אַ פּיק טאָן אַ קערן,
זיי קענען אַפילו ניט וויינען
מיט פויגלשע טרערן.
די ערד האָט פאַרלוירן איר פאָרעם.
איר איינציקע פײַכטקײַט — אַ וואָרעם.

ב י י נ אַ כ ט

און ווײַל עס איז קײַן רעגן ניט געפאַלן —
שטיקן זיך די מירמל-וואָרצלען אין געפּרעסטער שיכט,
די זון פאַרגייט אין בלאַנקן אַקער.
און אויף מײַן געזיכט —
קלינגענדיקע שטערן פאַלן, פאַלן.

עין־גדי

הירשן ברענגען דיר פֿאַרנאַכט אַ גרוס פֿון הימל,
לייבן וואָלטן זיך געלייגט בײַ דיר צופֿוסן,
און איך פֿאַל כורעים פֿאַר דײַן שיינקײַט.

דו קוואַלסט מיט פּיוט פֿון מײַן טאַטנס מחזור,
פּאָעטן שלינגען אײַן דײַן יעדן פּלוס אויף שטענדיק.
ביסט בלענדיקע שיינקײַט, עין־גדי.

דײַנע וואַסער־לייטערס היטן די מלאכים,
ביסט אַ מתנה, וואָס זעלטן ווען, אַפֿילו גאָט
פֿאַרגינט זיך עס צו געבן.

כנרת

אויב ס׳לאַנד מײַנס איז מיר טײַער ווי דאָס אויג —
ביסט דו, כנרת, מײַן שוואַרצאַפּל.
איך וועך געשטאַרקט פון דײַן גראַניטענעם געבויג,
פאַרחידושט פון דײַן פריידיקן געצאַפּל.

אויב ס׳לאַנד מײַנס איז מיר טײַער ווי מיין טאַטנס לעצטער טרוים —
פאַראַנקער איך אין דיר דעם המשך פון חזיון.
דו ביסט דער קוואַל וואָס וועט צעבליען ראָז מײַן בוים,
און ס׳וועלן מײַנע הפקרדיקע שעהן
אין דיר פאַרמירמלען זיך, אין דיר פאַרדנאָען.

חולון

מײַן מעלאָנען־שטאָט פון רײַפן זומער,
אַזױם פון געדאַנק אין שפּעטער־שעה,
איך, דער גײיער און דער קומער,
װיקל זיך מיט דײַנע הימלען צו, מיט דינעם בלאָ.

אױסגעװאַלגערט זיך אין אַלע העקן,
געטרונקען פון אַ יעדן פרעמדן קװאַל,
נאָר דאָ צעבליט האָט זיך מײַן װאַנדער־שטעקן,
נאָר דאָ זע איך דעם דינסטן שטױב אין זײַן צעפאַל.

פון אָט די אַלע קלײנינקע געװעבן
װאַקסטו אױס, גיגאַנטישער פײַזאַזש אין געל,
מײַן מעלאָנען־שטאָט, אַזױם פון מײַן לעבן,
רײַפער זומער לײגט זיך אױף דײַן שװעל.

גאָלדענע שטויבן

די מאַמע וואַשט די בגדים
פֿון איר זון, דעם סאָלדאַט.
אַ שמייכל, דין ווי אַ פֿאָדעם
לויפֿט דורך איר פּנים און זאַט

ווערט זי גאָרניט. זי באַוווּנדערט
די גאָלדענע שטויבן פֿון פֿאַלד,
אַ שטיינדל פֿון כּרמל פֿאַרהונדערט,
פֿאַרטוויזנט זיך באַלד.

ער ווערט ווי אַ באַרג אויסגעוואַקסן,
געשליפֿן פֿון זון און ווינט.
די מאַמע וואַשט זײַנע בגדים
דער נגבֿ פֿון די קעשענעס רינט.

די מאַמע וואַשט, עס אַנטפּלעקן
זיך בערג און וואָדים פֿאַר איר,
זיי קומען זיך לייגן, באַלעקן
די שוועלן פֿון איר טיר.

דעם זונס באַלאָדענע בליקן
מיט זומפּן, מיט ליימען און לעם,
זײַנען די גאָלדענע בריקן
פֿון מאַמעס ייִנגסטן נס.

ס׳רוען מײַנע שוועלן

געהיימע־וועלדער האָבן נאָכגעקוקט מײַן טראָט
און זומפּיקער־באַדעק האָט אַלץ, נאָך אַלץ געלויערט,
ביז דער כרמל איז אַרויס אַנטקעגן מיר
פול מיט זון אין זײַנע פענצטער אײַנגעמויערט.

שיכור פון אַזויפל ליכט. אין זוניקן געשפּאַן
לעקן כוואַליעס אָפּ אַ יעדן צייכן,
פון מײַן אָנפּנימדיקן, מידן קאַראַוואַן,
וואָס וויל אַזוי אַ ביסל רו דערגרייכן.

קען זײַן, אַז ס׳וועט דער מידבר אויפהויבן אַ האַנט,
אויסגעצאַפּלטע פון פעלדז ליגן מײַנע שוועלן:
ווער בענקט עס ניט צו זיך אַלײַן?
כ׳דערקען זיך דאָ אין פּלאַטער פון געמעלן.

די לעבעדיקע
פֿלייטן

לייזער וואָלף

פֿאַרוואָלקנטער פּנים,
צעגראָבלט ביז בלוט — דײַנע שורות,
אין דײַנע לידער נעסטיקט די נאַכט.

זיי סקריפּען אויס
דעם פֿראָסט פֿון פֿאַרפֿאַלענע טראַקטן.
בײַדערנאַכט הוילן אויס די וועלף
די רעפֿריינען פֿון דײַן עלנט.

ווינטמיל פֿון בענקשאַפֿט.
אומעט.
עס שנייט פֿון דײַן פֿאַרוואָלקנט פּנים.

הירש גליק

א

דורך דײַן גאַס האָט די אָרעמקײַט
געהאַלדזט טאַטע־מאַמע.
סאַראַ יום־טובדיקע אָרעמקײַט!
זי באַגריסט די וועלט
אַ באַהאַלטענע אין שאָלעכץ.

דײַן גאַס האָט געפירט צו זיך,
ווי אַן עמער פירט צו אַ ברונעם.

דורך דײַן שיטערן פלויט האָט זיך איבערגעוווּנקען
דער הארבסט מיטן ווינטער.
דורך דעם פלויט האָסטו געזען,
ווי עס גייען אוים די ביימער.

די לבנה איז דיר נאָכגעגאַנגען פוס־טריט
ווען דו האָסט פאַראייניקט ראָזן געדאַנק
מיט ראָזעווען לעבן,
ווען דײַן גילדענער קאָמערטאָן
האָט אָפּגעענטפערט
מיט ייחוסדיקער שירה.

ב

ס׳קוקט קיינער ניט אַרויס דורך דײַנע פֿענצטער,
ס׳וואַרפֿט קיינער ניט אַריין זײַן בליק אין שויב.
דײַנע ווענט באַלײַכט ניט מער דער אָוונט,
צעפֿאַלן איז דער קאַרשנבוים אין שטויב.

און פֿליגל פֿון אַן אַלטן ווינטמיל פֿאָכן,
ווי אַרבל בײַ אַ מת...
און דער טײַוול פֿראַוועט זײַן נצחון,
ווען דער קרבן יאָמערט: ניט פֿאַרגעס!

ג

אײַנגעשפּאַנט אין פֿיבערדיקע יאָכן,
האָסטו געשלעפּט עקשנותדיקע־טעג,
ווען אַלטע הימלען זײַנען נאָכגעקראָכן
דײַן פֿאַרלאַטעטן, פֿאַרשנייטן וועג?

דײַן וועג — אַ שלאַנג צעווישן שטיינער.
שקיעה לעשט זיך אין דײַן בליק,
און דו — אַ פֿרעגער און אַ מיינער
אויף אַ שווימענדיקער בריק.

און תּפֿילה טוען דײַנע ליפּן:
אויב קומען וועט מײַן אויסגעבענקטע שעה,
ממעמקים, כ׳גלויב, פֿון טיפֿסטע טיפֿן
אַז צווישן אײַך איך לעב,
פֿאַראַניק בין אין דאָ.

אויטאָביאָגראַפיע

כ׳בין געבאָרן געוואָרן שבת-קודש,
ווען די לבנה האָט זיך שוין גענומען ברעקלען
ניט ווײַט פון רבי׳ס הויז, אויף דער ראָגאַטקע.
אָנגעפאַנגען צו גיין האָב איך איידער
די מאַמע האָט זיך אַרומגעזען אַז בעצם
האָט זי נאָך גאָרניט געזען אין איר לעבן.

כ׳בין געגאַנגען און געפאַלן
אויף מײַן אייגענעם פּנים.
דאַן האָט מען מיר געקויפט שיכלעך
וועלכע האָבן אויסגעזונגען דעם דלות
אין בלאָטיקע טעג, אויף דער יידישער גאַס,
כ׳בין געוואַקסן אין אַ בלאָטע
דערפאַר זײַנען מײַנע אויגן ברוין
און שיילן אוים אַ פרישע וועלט
אַ יעדן זומער.

ווען די זון האָט זיך געזעצט
ווי אַן אַלטע קוואָקע אויף די בייטן
זײַנען די ווײַסע בוריקעס געוואָרן רויט.
דאַן פלעג איך פאַרקריכן אויפן בוידעם
אויסלייגן חלומות, ווי אַ קאָרטנשפּילער זײַנע קאָרטן

און אראפקריכן פלעג איך צוזאמען
מיט יעקב־אבינוס מלאכים
אויף אונדזער היימישן לייטער,
וועלכן מײַן באָבע חוה פלעגט אונטערהאַלטן.
(הײַנט איז זי שוין אַלײַן אַ מלאך)
זי פלעגט זאָגן: „בידנע איז דער גורל פון אַ מלאך,
וואָס קען אַ מלאך אויפטאָן צווישן מענטשן?"

מײַן מאַמע פלעגט ליב האָבן צו פאַרוויַיסן
איר קאַווע מיט לבנה־מילך
מײַן טאַטנס קאַווע איז געווען „קוה אל אדוני"
און איך האָב געטרונקען די מאַמעס אויגן
ווען זי האָט מיט די פאַרגייענדיקע שטראַלן
אָנגעצונדן אַ ביסל וואַרעמקייַט
אין פוסטן אויוון.

כ׳בין אַוועק לערנען.
אַנטאָן, דער גוי, האָט צוגעגרייט פאַר מיר אַן אָרט.
ווינטער איז געפאַלן אַ שניי פון אותיות
אויפן שוואַרצן לוח פון מײַן אויג.

כ׳האָב געלערנט געאָגראַפיע —
אומזיסט זוך איך ביז הײַנט אין די אַטלאַסן
די נעמען: מיר, וואָלאָזשין און יעהופעץ.
צוליב וועמענס טעות שטימט מיר ניט דער חשבון
ביז צום הײַנטיקן טאָג?!

כ׳האָב געטרוימט

כ׳האָב אַמאָל געטרוימט פֿאַרפֿלאַנצן ווי אַ רויז
ווי די זונס אַ שטראַל אַ לויטערן, אַ קלאָרן.
זאָל באַשײַנען זי מײַן אָרעמקייט אין הויז, —
האָט מײַן בלום זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ דאָרן.

כ׳האָב אַמאָל געטרוימט — מײַן לעבן זאָל מיר זײַן
ווי אַ ווינטל לײַכט אין זומערדיקן קרײַזן,
יעדער טראָט אַ שוועב, מילד אין בלויען שײַן.
האָט ווער אין מיר אַרײַנגעגאָסן בליי און אײַזן.

כ׳האָב אַמאָל געטרוימט — אַז יעדעס ליד וואָס כ׳שרײַב
זאָל אײַך מיט פֿרייד און מונטערקײַט באַקרוינען,
יעדעס וואָרט אַ טרוים — צו וועלכן זאָגסט: פֿאַרבלײַב!
און זאָל עס זײַן מײַן לוין פֿון אַלע לוינען.

ס׳בייטן זיך חלומות

מײַן איינזאַמקייט האָט מיך אַוועקגעלייגט אין ווינקל
ווי אַן אויסגעשפּילטן העלד אויף דער אַרענע,
כ׳בין אײַנגעשלאָפן מיט אַ כראָפּ פון הונדערט אַלטע בעטלער
און ניט געקענט האָב איך אַליין דערקענען זיך אין חלום.

אין חלום האָט געביטן זיך דער פאָרהאַנג,
אַ ברייטקייט האָט געשוועבט אַנטקעגן,
כ׳האָב אויפגעריסן מײַנע ווײַס אין די ווייטן,
זאָגנדיק: ווי גוט איז זומערדיקער רעגן.

כ׳בין ווידער קינד און פריי זיך מיט מײַן קינדהײַט,
אָט גייען ווײַסע שיפלעך אָפּ פון מײַנע ציטערדיקע פינגער,
ס׳באַגלייט מײַן נאָכקוק זיי, איך טו אַ שמייכל
צום גרינעם טאָג, וואָס וואַרפט זיך
כוואַליעדיק אין וואַסער.

קומען לעמער אָן מיט וואָל פון ווייכע טויען,
רינגלען מיך אַרום מיט זייער גוטער ווייכקייט,
בלײַב איך איצט אַ פאַסטעכל. דער טאָג איז הײַנט אַ בלויער —
ווי אַ חלום נאָך אַ זומערדיקן רעגן.

פאַרשלאָסענע שטילקייט

די שפּין פלעכט אַ נעץ אויפן באַלקן.
אין נעץ פאַלן פליגן אַרײַן.
דאָס פענצטער איז צו, נאָר די שויבן
פאַנגען פון שטערן די שײַן.

אַ בוך ליגט צעעפנט און קײנער
גיט ניט אין אים קײַן בליק.
די ווײַסינקע בלעטלעך ווי שטראַלן —
זוכן דעם דיכטערס גליק.

נאַכטיקע בלומען אין קריגל.
איינע פאַלט אָפּ, נאָר ווי שטיל.
צוקאָפּנס, בײַם ליידיקן ווייגל,
איז אויך שוין געשטאָרבן דער גריל.

אַלע אפּשרס פון נעכטן

אַלע אפּשרס פון נעכטן
זײַנען הײַנט שוין אָוואַדעס,
ס׳מאַרשירן די יאָען
גאַנצענע סטאַדעס.

די נײַנען פאַרנײַן איך
און רוף אוים צום גלויבן:
צערין ניט, פאַרגיי ניט
ווי שטראַל אויף די שויבן.

תפילה ביים ים

ברייטפלייציקע כוואַליעס קייקלען זיך, שטורעמען
אָנסופיק און ווילד.
פאַרהאַלט אָט דעם כוח און זאָג ער זאָל פורעמען
פון טיפקייט אַ בילד.

צעריסענע פעדעם פון בילדער געזעענע
טויכן אַפיר.
מיט ימיקן ווילן לעב אויף דאָס געשעענע
און ברענג עס צו מיר.

אורליבע אויף ימען

עס טראָגט זיך אונדזער ליבע אין אַ טאַנצנדיקער שיף,
צו אומענדלעכע ראַנדן.
די ערד־קראַנקייַט — זי מאַטערט אויפן ים און עגבערט טיף
אַ שפּעלטעלע צום גאָלד פון דינע זאַמדן.

אָ, וואַסערשטוב! דו לאַבירינט פון בענקשאַפטן, ווי גוט
וואָס נאָר אין זעאונג זע איך רונדע היגלען.
ווי די שיף אַריבער תהומען — שווימט די ליבע אין מייַן בלוט,
און מיליאַרדן כוואַליעס נעמען זי צעשפּיגלען.

אַזוי האָט זיך געליבט דער הימל מיט די וואַסערן אַמאָל,
אין די ערשטע שעהן פון יצירה,
איידער ס׳זענען אויפגעשווומען אין דעם זוניקן קרישטאָל
פעלדזנבערג גראַניטענע צו זייַן דעם ים אַ שמירה.

די זילבערפיש באַשפּריצן אונדז מיט שווייַגן,
און שלינגען אייַן דעם קלונג פון קוש אויף באַק.
אַ שאָד, מייַן ליבסטע, וואָס פון ווייַטן הענגען וואָרע צווייגן,
און איבער שווימענדיקן חלום הייבט זיך אויף אַ האַק.

באַלד וועלן זיך צעבליִען

מײַן גאָרטן איז געמיסטיקט פֿון אַ פֿאַווע,
באַלד וועלן זיך צעבליִען אַלע בלומען אין מײַן גאָרטן,
דער בלומענטאָפּ וועט לאַכן און זיך פֿרייען,
וועט זײַן די נעסט פֿאַר צענדליקער קאָלירן —
דײַטלעכע קאָנטראַסטן פֿון דער ערד.
נאָר די שאָטנס אויף די געלע ווענט,
די שאָטנס פֿון אַזויפֿיל פֿאַרב און לעבנס
וועלן בלײַבן וואָלקנדיקע, שוואַרצע.

רויך

קאָשמאַרנע שריפט — רויך פון סיגאַרעט,
עס קען דיך בלויז פאַרשטיין דײַן שיקיִנגל דער פײַער,
איך לעש אין ווײַסן טײַך דעם גלי פון בלייער,
און מיט פאַרמאַכטע אויגן מאָל איך אַ פּאָרטרעט.

שטילסטער גנב — רויך פון סיגאַרעט,
אַשיק פאַלן דײַנע פּירות אָפּ,
עס רייכערט זיך אַזוי ווי דו מײַן קאָפּ,
און ניט דערברענט פאַלט ליד אויף האַרטן ברעט.

אין שפּיגל פון זונען

אויף די גליטשיקע שנייבערג פון געדאַנק,
פאַלט אַ ווערטערשניי קוים צו הערן
וואַלט מײַן פעדער אויגן געהאַט,
וואַלט זי געוויינט מיט פאַרפרוירענע טרערן.

כ׳שטרעק אוים מײַנע פינגער
דער זילבערנער קרײַז ווערט צערונען.
און ס׳פינקלט די צײַט צום פאַרפרוירענעם זינגער,
צעשפּליטערט אין שפּיגל פון זונען.

געבעט

פאַרמיש יעדן פלעק, יעדן חיהשן שפור,
ווי דער רעגן פאַרשווענקט דאָס געקריץ פון אַ פור;

ווי דאָס בלוט ווערט פאַרבלויט אונטער שנייען — באַדעק...
פאַרמיש דיַינע פאַרבן, פאַרוויש יעדן פלעק.

מיין הויז

ס׳איז מײַן הויז אַ נאַכטיקער לאַמטערן,
ס׳פאַרשווינדן שאָטנס און עס בלײַבט נאָר ליכט.
נאַכטמוזיק ברענט אויף מײַן געזיכט
און ס׳באָדן זיך אין הימל־וואַסער שטערן.

אין מאָרגן וועט מײַן הויז מסתמא ווערן
אַ שטיינערנע סטאַטוע,
און איך וועל זײַן אַ לעבעדיקער קערן
און אויפגיין מיט די זאַנגען, מיט דער תבואה...

זילבער

כ׳הער ווי ס׳זעצן ווערטער: שפּעט מײַן פריינד, גאַנץ שפּעט.
דער שטערן פלאַצט. קנייטש נאָך קנייטש צעלייגט זײַן זיגל.
זילבער איז דער רויך. זילבער איז דער אַש פון סיגאַרעט.
ערנסט ווערט ס׳געזיכט אין אָנבליק פונעם שפּיגל.

די שעה וואָס איז אַהינטער, די שעה וואָס איז אַוועק
טויכט נעפּלדיק אַפיר ווי פון אַן אַלטן, טיפן זילבער־כוס.
זילבער איז דער הימל אין ווײַטע ווינטער־טעג.
זילבער־טראָפּנס פאַלן אָן חשבון און אָן מאָס.

ט ר י ט

דײַן טראָט איז לײַכט ווען קלערסט ניט
ניט פֿון זיך און ניט פֿון דעם וואָס צײַט פֿאַרבויגט,
ווען גייסט אַ דורך מיט גלייכגילט און פֿאַרטרערסט ניט
דעם וועג מיט אָפּרוף פֿון דײַן האַרץ
און גלי אין אויג.

דײַן טראָט ווערט שווער, פֿאַרזונקען, ליימיק,
ווען בליקסט אַרײַן אין שוואַרצאַפּל פֿון דײַן גאַנג,
ווען פּרוּוו/זט אַרויסשלעפּן פֿון שטעגן טונקעלע, געהיימע,
אַ ליד וואָס ראַנגלט זיך מיט אונטערגאַנג.

בליצן, ערשטע ווערטער

ווײַט אויפֿן האָריזאָנט פֿון געדאַנק
בליצן ערשטע ווערטער אויף.
וואָרט שלאָגט זיך מיט וואָרט.
זעאונג מיט זעאונג.
שטומע שלאָגעניש. געלויף פֿון פֿאַרביקע שאָטנס
העט, בײַ אָפּגעהאַקטע, קילע ראַנדן.

חצות. געוואָי פֿון אָפּגעריסענע ווינטן
צעטרײַבן בילד נאָך בילד.
ווי אַ באָרוועסער פֿישער אין ווינטערדיקע וואַסערן
שפּאַן איך אויס מײַן נעץ — זאַמל צאַפּלדיקע זילבן.
צי זײ לאַנגזאַם פֿון געדיכטע וואַסערן אַרויס.

יאַגדע־לאַנד

ווײַטקײַטן בינדן זיך, בלויקייט אָנסופיקע
הימלען קוים פלאַטערן, וואָלקנדלעך מאָכיקע,
בלעטער־געפאַל אויף שטעג ניט באַטראָטענעם,
כ׳שפרייז אין מײַן יאַגדע־לאַנד, פון קיינעם פאַרבאָטענעם.

לאָנקעס באַזוימען דיך, הימלען פאַרנויגן זיך,
שטערן צעמאָלענע פאַלן, פאַרבויגן זיך,
אין דער אַליינקײַט, פון קיינעם געדונגענע,
שרײַבן די גלי־ווערים שורות צעזונגענע.

שטעגלעך באַשאַפענע, כ׳ווייס ניט פון וועמענען.
פירן צו קוואַליקער גוטסקייט, כאָטש נעם און נעם!
פאַרבן באַגאַרטלען דיך, ס׳שײַנען אָנצאָליקע
בלויאינקע לעמפעלעך, צונטערע, שטראַליקע.

און אינעם מיטן פון יאַגדע־לאַנד שלאָפיקן
פליסן די זאַפטן אין שטראָמען אָן־סופיקע.
לייג צו דײַן אויער: אין שטומער פאַרבענקעניש,
דערציילן זיך יאַגדעס די ערשטע געדענקעניש.

פאַראַן זיינען וועגן

פאַראַן זײַנען וועגן וואָס גייסט זיי פאַרבײַ
צום הונדערטסטן מאָל, אפשר מערער.
און מערקווירדיק גאָר, מיט יעדן גאַנג פונדאָסנײַ
ווערט דער וועג גאָרניט דײַטלעכער, קלערער.

פאַראַן זײַנען וועגן, וואָס ציען זיך העט,
דו גייסט זיי לענג אויס מיט פאַרגאַפונג,
עס קימערט דיך גאָרנישט, צי ס׳איז פרי אָדער שפּעט,
גייסט און באַוווּנדערסט דעם גאַנג פון באַשאַפונג.

איינינקער אַליין

יעדער טראָגט זײַן ים אין טיפקײַט פון זיין אויג
יעדער שלעפט זײַן מדבר אויפן פלייצע.
ווען צוויי צוזאַמען זאָלן שלעפן אַ מדבר
קען געבאָרן ווערן אַן אַזים.

אָבער בײַ אַן אַזים וויל יעדערער באַזונדער
זײַן אַליין דער האַר, אַליין דער לעצטער שומר.
שלעפט זיך יעדער מיט זײַן מדבר אויפן פלייצע
און פאַרטריקנט.

צו חיים גראַדע

כ׳שאַר די שפּינוועבס פאַרהאַנגען פאַנאַדער
און ווייטע טעג פאַרגאַנגענע צעצאַפּלען זיך אין אויג.
אָט איז די גרינע־בריק, איר אייזערנער געבויג
פאַרפירט מיך אַזש אַהין, אין אויסגעקלערטן וואַנדער.

אין שטומען שפּרייז איך טרעף זיך מיט דיַין בליק,
דיַין בלאָנדקיַיט כוואַליעט זיך אין טייך — אַ פאַקל.
נאָר זע: אַלע שטאָל און איַיזנס ווערן שטריק, געפּלאַצטע שטריק
און ס׳בושעוועט דער טיַיך אין פינצטערן סך־הכל.

דער בייזער חלום אויס, זיַין עכאָ שפּאַנט געלאַסן.
כ׳הער דער מזרח ווינט דערציילט, ביסט דאָ. נאָך דער הפסקה
אַ טרייסט־ליד ברענגסטו די פאַרפלאָכטענע אין דבקות שמאָלע גאַסן
פון יידישן לובלין פון קעלץ און אַלטן קראָקע.

דו קלאַפּטערסט דורך די אויפגעשיינטע וועלט
אַריבער אויסגעשניצטע אַלפּן, בלויע פּירענייען.
דיַין דעמבענער געבוי בלײַבט פעסט, דיין בלאָנדקייט אָבער
נעמט זיך שוין פאַרשנייען
און זוכסט זיך צו דערוואַרעמען אין ברידערליכן צעלט.

ערשט איצט, ערשט דאָ, ביַי די ברעגן פון דעם ירדן,
מיר טרעפן זיך צוריק נאָך אַזויפיל לאַנגע יאָר.
דער ים הגדול שיקט זיַין ברכה מיט טראָפּנס, מיט מיליאַרדן
און בלויע הימלען גייען אויף ווי די מחשבות דיַינע — ליכטיק, קלאָר.

פאַרלאַנג ניט

פאַרלאַנג ניט דאָס, וואָס דו ווערסט סײַווי ניט דערגרייכן,
שטרעק אויס דײַן האַנט און נעם וואָס וואָריק איז, פאַראַן.
צווישן דיר און דײַן זייער אײַלנדיקער באַן
וועט ערגעץ ווי אַ קליינע סטאַנציע בלײַבן, זײַן פאַרצייכנט.

ס׳וועט אָבער עמיץ גלײַך אַ זאָג טאָן: ס׳איז ניט וואָר!
ס׳בלײַבט גאָרניט. דײַנע טרוימען זיינען חכמהדיקע שפּאַסן,
ס׳בלײַבן נאָר די אויסגעלייגטע רעלסן-פּאַסן.
די באַן אַליין איז שוין אין העט-ווײַטן פאַרפאָר.

מײַן לאַנדשאַפט

אַרײַנגעזאַפּט אין זיך די לופט פון גרויסער וועלט,
מײַן אויג מיט בלענד פון זונען כ׳האָב פאַרשטאָכן.
שטומע ליגן אינעם באַלטיק מײַנע זיפצן, שטײַף פון קעלט,
און פונעם ים־התיכון שעפּ איך גלויבן און בטחון.

אויסגעמאָסטן צפונדיקע וועלדער און פאַרפלאַנצט
אין זיך דעם קלונג פון זילבערדיקע נאָדלען.
ניט איינמאָל זיך פאַרמאָסטן מיטן ווינט אין ווילדן טאַנץ,
און שניי מתנות אָפּגעטרייסלט פון די אַלטע יאָדלעס.

כ׳האָב צוגעפּאַסט די וואָרצלען מײַנע צו דעם שניי און אײַז,
איצט וואָגלען זיי בײַ נײַע, בלאָע ברעגן.
מײַן לאַנדשאַפט איז די לאַנדשאַפט פון אַ קרײַז
אַוו חלומות וואַקסן אויס ווי נאָך אַ רעגן.

לעצטע שטראַלן

לעצטע שטראַלן געטרונקען ווי מעד.
די סאָסנעס שלאָפן אין בלאָע געוועבן.
עס הענגט אַראָפּ אַ צווייג — אַ קלאַרנעט,
וואַרט, אַז ווינט זאָל אים באַלעבן.

אַזויפיל קאָלירן! עס דעמערט, און אָט
ווערן די פאַרבן אוים פאַרבן.
פון דער ווײַטנס ראַנגלט זיך די שטאָט,
אירע ליכטער ווילן ניט שטאַרבן.

ירושלים של מעלה

אברהם סוצקעווער

א

אין וועלכן אור־יאָרהונדערט
האָבן מיינע פּיס באַטראָטן דײַנע קילע שוועלן, ווילנע?
אין מײַנע באַוואַקסענע חלומות
פינקלט דעם רבי׳ס גרינע אָזיערע
ווי אַן אויסגעזונצטע מאָזאַיק.

אין וועלכן בוך פון בבא־מעשיות
האָב איך באַגעגנט דײַן נאָמען?
ווען איך זופּ דעם חמסין
ווי אַ פאַרשריבענע רפואה
לעשט דו מײַן דורשט,
קילסט דו מײַן ברענונג.

אין טעג ווען טוליפּאַנען
זײַנען שטעכיק
און מוראַשקעס בײַסן דורך
די פידלען אין מײַן אויער —
ביסטו דער אָפּקלאַנג,
ס׳געלאָסענע וויג־ליד
פון מײַן מאַמען.

ב

אָוונט־טונקל, טרעפּ באַזילבערט
שטאַפּלען צו די ספּערן.
ס׳באַלויכטן זיי דײַן מאַמעס אויגן,
אירע תּמציתדיקסטע טרערן.

בלויער ווינט בלײַבט ווי געפֿאַנגען
אינעם נעסט פֿון ברעטער,
קלעפּסט אַרײַן אין העפֿט די קלאַנגען
פֿון פֿאַלנדיקע בלעטער.

כ׳בין דערגאַנגען, צוגעקומען
ווו זון צעצינדט די שויבן,
אין ווײַן־גאָרטן פֿון דײַנע לידער
פֿינקלען אַלע טרויבן.

אייביקע זוכעניש

אין שפּיגל בין איך מיר פרעמד,
כ׳זוך מיר אַהינטער דעם שפּיגל.
כ׳זוך מיר אין שויב פון מײַן נעכטן,
אין שטויב וואָס מײַן פּום האָט צעטראָטן.
ווען כ׳גיי אין די שפּורן פון זיך
צעצינדן זיך ווידער די אָפּגעבליטע יאַגדעס
פון מײַנע פאַרלאָרענע שעה׳ן.

דער שפּיגל זאָגט אַז כ׳ווער גרוי
ווי אַן איינזאַמער טורעם. פאַרוואָלקנט
פון צײַט, וואָס צעגאַנגענע שנייען
זײַנען געווען איר אָנהויב.

הײַנט ווען כ׳וויל מיך דערקענען אין שפּיגל
מאַך איך צו מײַנע אויגן.

אין ליכטיקע פֿאַרטאָגן

אין ליכטיקע פֿאַרטאָגן בין איך אַן אינדזל אַ צעשטראַלטער,
דער ים צעקושט זיך מיט די ברעגן און אַנטלויפֿט.
פֿון אַלדאָס פֿריידיקע בין איך דער קלײַבער און באַהאַלטער
און ס׳דוכט זיך מיר אַז אַלע זאָרגן
האָב איך אויסגעגעבן און פֿאַרקויפֿט.

אַ וועלט אַן זאָרגן, בלומען, שטאַמען, בלעטער.
איך בין אַן אינדזל
וואָס האָט ווידער זיך צעבליט.
בילדער אײַנגעראַמט אין גאָלד — אַ פֿליגלדיק־געקלעטער
קומט ווידער אָן מיט לײַכטע, זומערדיקע טריט.

זאָג מיר עס אין ליד

זאָג מיר עס אין ליד, ווועל איך פאַרשטיין עס בעסער.
ברענג דײַן וואָרט באַהאָנגען
מיט קלאַנג פון אַלטע שלעסער.

זאָלסט צו מיר דײַן זאָג מיט דורשט דערטראָגן
און פילן זאָל איך אים
ווי פרישן היי געפּרעסטן אויף אַ וואָגן.

כ׳וועל דעם שלאָס אַ טרייסל געבן און דערהערן
דעם פולם און צאַפּל
פון דײַנע ניט דערזאָגטע טרערן.

*　　　*
*

כ׳צווייפל ניט אין דיר, כ׳וויל דיך ניט פאַרניינען,
ניט פאַרלייקענען דיַין מיטבּרויז אינעם ים,
דו ביסט דער סאַמע מיין פון אַלע מיינען,
דו ביסט די העלסטע פאַרב אין פלאַם.

דיַין חלק איז פאַראַן אין אַלינקע געוועבן,
פון רויען פעלדז ביז דינסטן, אויסגעפּיַילטסטן שטראַל
ווּו דו ריַיטסט אַריַין צעבּליט זיך לעבן
און ווּו דו פעלסט, בליַיבט איבער נאָר — צעפאַל.

אַלטמאָדיש

יענע וועלדער זענען אויסגעטראַכטע, שאָטנס.
יענע טײַכן — טויכן אויף נאָר אינעם חלום.
און מיר ביידע —
ווער זענען מיר אין גלי פון צויבער?
פון וועלכן חומר זענען מיר דען אויסגעקנאָטן,
אַז מיר האַלטן זיך נאָך אויף
און שווימען ווי צוויי בלויע טײַכן?

בליציקע אויגן

נעם אַ בליץ אַרײַן אין דײַנע פֿינגער,
ס׳איז יום־טובדיקער פֿײַער.
צינד אָן אַ פֿלעמעלע פֿון אים אין אויג
און זע:
דאָרט ציטערן צוויי אַלטעביימער אויס
די מורא פֿון אַ הוילער וועלט.

איז זייער ציטער גלײַך צום ציטער
פֿון צוויי פֿאַרליבטע וואַסער־פֿויגל
וועלכע זיצן אויס אַ יונגע אָזערע,
וואָס שווימט אַרײַן
אין שנאָבל פֿון דער נאַכט?

כ׳האָב דיר אויגן בליציקע געגעבן,
באַלײַכט די געהיימענישן פֿון דער וועלט
וועלכע שנאָבלען זיך אַרויס
ווי שטיקער, שטיקער נאַכט.

באַשאַף

כ׳האָק אויס אין מײַן פּיאָלעטן וואַלד
דלד אויף דלד אַמות
און בוי דאָרט אויס אַ קליינע וועלט
פון העלסטע פאַרבן־גאַמעס.

אין מײַן קליינער וועלט איך גיי אַרײַן,
כ׳באַטראַכט זי און נעם גאַפן.
איז דאָס די וועלט דען וועלכע כ׳האָב
געקלערט ערשט צו באַשאַפן?

באַהימלט זײַנען מײַנע הענט,
דער גוף באַלייגט מיט שוויים איז,
כ׳האָב נאָך אַליין זיך ניט דערקענט,
כ׳האַלט נאָך אַלץ ביי דעם בראשית.

האָניק־הימל

האָניק־הימל, זון־פֿאַרגאַנג
און פֿאַרזייטע שטערן.
ס׳מיינט װער אַז דאָס זײַנען װעמענס
שבת׳דיקע טרערן.

זילבער־בראָשן, שטערן־בלי
און קאָלירטע שטויבן,
ס׳מיינט װער אַז עס זעצט זיך הימל
גלייך אין װעמענס שויבן.

פֿליגל־פּאָך און בלעטער־רויש
סקריפּ פֿון אַלטע רעדער,
ס׳מיינט װער, אַז עס זאָגן שירה
פֿויגלם פֿלי און פֿעדער.

גרינע בריקן

א

לאָמיר זיך אַוועקזעצן בײַם קוואַל,
בײַם ערשטן אויסגעבעטן קוואַל מיט שטויב פֿון שטערן.
אָ, בלויע טײַכן!
ווּ זײַנען מײַנע בלויע טײַכן?
גיט מיר אָפּ דעם בוים
פֿון וועמענס קאָרע — די קאָלירטע שיפֿלעך
שווימען נאָך ביז הײַנט אַרום אין מײַנע אָדערדיקע קרייזן.
שיקט מיר אָפּ צוריק מײַנע יונגע פּיס
וועל איך אײַך באַווײַזן
ווי עס שפּרינגען בערג אַריבער האָריזאָנטן,
ווי דער האָריזאָנט
פֿאַרנויגט זיך פֿאַר מײַן טראָט.

ב

דו און איך,
דו און איך.
מיר ביידע ווייסן ווייניקער
ווי איך אַליין.
דו ביסט ניט געווען בײַם געבורט
פֿון מײַנע גרינע בריקן
וועלכע האָבן מיר געפֿירט צום געפּלעכט,
צו די שבת׳דיקע חלות פֿון לעגענדע.

ג

וואַר איז נאָר דער טײַך.
זײַנע נעצן זײַנען דיכטערישער טרוים,
זיי זיפּן דורך דעם גאָלד,
פֿאַרלירן זײַנע זילבער־שופּן.
כ׳דאַרף די שופּן צו מײַן ליד,
זיי זײַנען מײַנע פּונקטן,
אָן זיי האָט שורה ניט קײַן סוף.

ד

לאָמיר זיך אַוועקזעצן בײַם קוואַל
דו און איך,
דו און איך.
מיר ביידע זײַנען אָפּגעגאַנגען פּרעסט,
מיר ביידע זײַנען מיטגעגאַנגען שנייען.
לאָמיר זיך צעצווייען אינעם קוואַל —
מיר זײַנען פֿיר. צוויי, וואָס טרינקען אונטן,
צוויי, וואָס שטוינען אויבן.

ה

נעם אַוועק די האָר פֿון מײַנע אויגן,
דײַנע האָר פֿון מײַנע אויגן.
כ׳האָב מיר פֿאַרשטערנט אַן אויג,
דו האָסט זיך אויסגעצויגן אין מײַן צווייטער.
לאָז צורו די בערג!
כ׳האָב נאָר כוח צו זיצן ביי דעם קוואַל,
בײַם ערשטן אויסגעבעטן קוואַל
מיט שטויב פֿון שטערן.

אין גאַנצקייט פון אַ פונק

ברענג מיר צו די גוטע פעלדער
ווו אין גרינע וואַזעס לייגט זיך אָפּ דער מאָן,
ברענג מיר צו די אויסגעשפּיצטע פלויטן
פון וועלכע ס׳רופט דעם טאָג אַרויס דער האָן.

ברענג מיר צו אַ קינדערישן אָטעם,
צום האַפן פון די קילע, קלוגע רייד.
זעטיק אָן מײַן אויג מיט לאַנדשאַפט
איידער טאָג טוט אויס זײַן פאַרביק זוניק־קלייד.

ברענג מיר צו די טיפע קוואַלן,
ווו עס ווערט געבאָרן קאַלטער טרונק.
דאָרט ווו ס׳צעברעקלען זיך די שטראַלן
און גייען ווידער אויף אין גאַנצקײַט פון אַ פונק.

פראַגמענט

אַזויפיל יאָר אַריבער... אין צעפּאַל פון טעג
טרעפן מיר זיך ווידער ביַי דעם זעלבן ברעג.

כ׳באַלעק זיך מיט דער לאַנדשאַפט פון דיַין פּנים־פּלוש
דו גיסט מיר אָפּ אַ חוב — אַן עכאָ פון אַ קוש.

דו נענטערסט זיך, מיר ווערן — אויסגעבענקטע ציַיט,
אַ שטערן קומט צו פליען, צו לויפן פון דער וויַיט.

עס הילכט מיט וויכן שוויַיגן. דיַינע פינגער — אַ פראַגמענט
פון דיַין האַרץ־געצאַפּל אויף מיַינע מידע הענט.

נאָך אַזויפיל יאָרן איז גוט צו שוויַיגן טעג,
לאָמיר ביידע ווערן אין זון־פאַרגאַנג אַ וועג.

וואָס הויבט זיך גאָרניט אָן און האָט קיַין סוף, קיַין סוף,
ביז מיר ווערן ביידע אַ פּונקט אין לעצטן סטראָף.

כ׳וויל זען ווי עס שפּאַלט זיך דער הימל

וויג מיך ניט אײַן
מיטן ברעג פון אַ ווינט.
די אַלטע מעשׂיות פאַרטומאַנען.
האָסט מיר צוגעשטעלט די נאַכט צום קאָפּ —
אַן אויסגעלאָשענעם לאָמטערן,
כ׳זאָל ניט וויסן ווו ס׳פאַרגנבה׳ט זיך
דאָס ביסל גאָלד
וואָס פאַלט אַרונטער
פון אַן אַלטן שטערן.

פאַרשלים מיך ניט אַהינטער דעם חלום
פון פאַרגעסענע מידבר־כאַמאַדעס,
זיי ניט קאַרג,
נעם אַוועק די נאַקעטע פעלדזן פון אויג!

סטאַדעס לעם אין די הענט.
סדומיק דער גומען,
וואָס וואָלט דיר געאַרט ווען איך זע
ווי עס שפּאַלט זיך דער הימל?

* *

*

כ׳בין דער שטורעם
דער פערציק־פּיסיקער חמסין
און דו זוכסט אין מיר
אי מאָס, אי רואיקייט, אי זין.

דו פרעגסט פון וואַנען נעמט מען
ניין מאָס פרייד,
בין איך דער עכאָ וועלכער ענטפערט אָפּ
מיט דײַנע זעלבע רייד.

ר אָ ג אַ ט ק ע

פֿאַר מײַן ברודער קאָפּל

א

בריליאַנטן אין נאַפּטענעם לעמפּל,
געוואַשענער שאָטן אויף וואַנט,
די נאַכט — אַ פֿאַרזיגלטער טעמפּל
שלאָפֿט אײַן אין דײַן האַנט.

אין אייוועלע ליגן באַהאַלטן
די בוימער פֿון נעכטיקן וואַלד,
מיט וואָסערע הענט וועסטו שפּאַלטן
די מעשענע שטילקייט וואָס פֿאַלט?

כ׳באַטאַפּ דעם גאָלדענעם צאַפּל
אין קנויטיקן טורעם־געפּעם,
כ׳וויל עפּעס זאָגן — נאָר כ׳פּלאַפּל,
כ׳וויל פֿרעגן און אוים — איך פֿאַרגעם.

ב

די הילצערנע לאַוועס* זיפּצן אױם
דעם זײדנס האַרץ.
וואָס קען מען אױפטאָן מיט איין האַרץ
אױף דער ראָגאַטקע?
מעג זי זײַן אַפילו אױסגעכאָוועט
אין פונקען פון חצות.

װינטער שליטלען זיך אַרײַן די טעג
פאַרקירצטע, אָפּגעריסענע ווי עמיצער
וואָלט זײ פאַרקאַשערט די שעה׳ן.
אױף באַקאַנטע פּנים־קנײטשן
זעצט זיך פראָסט,
טוליעט זיך נאַכט.
מיט וואָס זאָל איך די פאַרלאָרנקײַט באַלײַכטן?

זומער רעגנט. ס׳וואַקסן די דעכער.
מיט זײ וואַקסט דער הימל
און בײדע זײַנען מיר נאָנט: אי דער דאַך —
דער פירקאַנטיקער שטעמפּל
וואָס חתמעט אָפּ דײַנע אױסגעבעטע שעה׳ן,
אי דער הימל וועלכער שיקט דיר
אױסגעשטרעקטע לאַנגע פינגער פון וועלכע זעסט נאָר
די בלישטשעדיקע, אָפּגעלאַקירטע נעגל —
די שטערן.

---

* לאַוועס — טראָטואַרן.

אינהאַלט

פלעקן

תפילה 7
שטיל־לעבן 8
די רויטע עפּל 9
רעשע 10
ברענג מיר, ווינט 11
אין דונדאַגן 12
אַלע טירן אָפן 13
יונגוואַלד 14
צו גאַסט 15
אַמאָל אין מיי 16
יענע טעג 17
מיין שטאָט 18
שוועסטער מיינע 19
אַ בלויע טויב 21
סעלעקציע 22
ניטאָ קיין טרייסט 24
עכאָס פון דזשונגל 25

אַנקער

צו די שיפן 33
שאָטן באַשאַף 34
מיין גאַס 35
ס׳דערנענטערט זיך 36
שניי אינמיטן זומער 37
אין סימן פון רעגן 38
דורך תימנישע אויגן 40
טריקעניש 41
עין גדי 44
כנרת 45
חולון 46
גאָלדענע שטויבן 47
ס׳רועט מיינע שוועלן 48

זילבערנע פליטן

לייזער וואָלף 51
הירש גליק 52
אויטאָביאָגראַפיע 54
כ׳האָב געטרוימט 56
ס׳בייטן זיך חלומות 57
פאַרשלאָסענע שטילקייט 58
אַלע אפשרס פון נעכטן 59
תפילה ביים ים 60
אורליבע אויף ימען 61
באַלד וועלן זיך צעבליען 62
רויך 63
אין שפיגל פון זונען 64
געבעט 65
מיין הויז 66
זילבער 67
טריט 68
בליצן ערשטע ווערטער 69
יאַגדע־לאַנד 70
פאַראַן זיינען וועגן 71
איינינקער אַליין 72
צו חיים גראַדע 73
פאַרלאַנג ניט 74
מיין לאַנדשאַפט 75
לעצטע שטראַלן 76
ירושלים של מעלה 77
אייביקע זוכעניש 79
אין ליכטיקע פאַרטאָגן 80
זאָג מיר עס אין ליד 81
כ׳צווייפל ניט אין דיר 82
אַלטמאָדיש 83
בליציקע אויגן 84
באַשאַף 85
האָניק־הימל 86
גרינע בריקן 87
אין גאַנצקייט פון אַ פונק 89
פראַגמענט 90
כ׳וויל זען 91
כ׳בין דער שטורעם 92
ראָגאַטקע 93